# דער ייִדישער אַוואַנגאַרד

## צווישן צוויי כרכן

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערן פּאַריז און בערלין, גרויסע צענטערס פֿונעם אייראָפּעיִשן אַוואַנגאַרד, באַפֿרוכפּערט דורך ייִדישע קינסטלער און שרײַבער פֿון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע, וואָס אַנטלויפֿן פֿאַרן אַנטיסעמיטיזם און פֿאַרן דלות.

.2



.3



די דאָזיקע מערסטנס ייִדיש־ אָדער רוסיש־רעדנדיקע אימיגראַנטן לעבן דאָ אין אַ מולטיקולטורעלער סבֿיבֿה. דער ערשטער שטאַפּל אין זייערע וואַנדערונגען איז אָפֿט בערלין: דער כּרך אויפֿן שיידוועג צווישן מיזרח און מערבֿ, ווו עס הערשט דעמאָלט אַווירטשאַפֿטלעכער קריזיס, ווערט צוליב די נידעריקע דרוקקאָסטן אַ וויכטיקער ייִדישער פֿאַרלאַג־צענטער. אין די יאָרן 1923–1919 דערשײַנען דאָ אַ 200 ייִדישע ביכער און צײַטשריפֿטן, וואָס עטלעכע פֿון זיי, אילוסטרירטע דורך יוסף טשײַקאָוו, יששׂכר־בער ריבאַק צי אליעזר ליסיצקי, זענען קינסטלערישע מײַסטערווערק. אַ בײַשפּיל דערפֿון איז דער קונסט־ און ליטעראַטור־זשורנאַל אויף ייִדיש און העברעיִש מילגרוים / רימון (1924–1922), אַרויסגעגעבן פֿון רחל און מאַרק ווישניצער, אויפֿן מאָדעל פֿון דער בערלינער צײַטשריפֿט אויף רוסיש, זשאַר־פּטיצאַ (1926–1921). אַזאַ מײַסטערווערק איז אויך דער נומער 3–4 פֿון אורי־צבֿי גרינבערגס אַלבאַטראָס (1923), וואָס גייט אַרויס אין בערלין נאָך דעם ווי די פּוילישע צענזור האָט קאָנפֿיסקירט דעם נומ׳ 2 צוליב „גאָט־לעסטערונג“. פֿון די באַטייליקטע אין דער צײַטשריפֿט וועלן אַ פּאָר, ווי יששׂכר־בער ריבאַק און דער אין פּוילן געבוירענער פּראָזאַיִקער עוזר וואַרשאַווסקי, קורץ דערנאָך פֿאַרלאָזן דײַטשלאַנד, ווו די ווירטשאַפֿטלעכע קאָניונקטור פֿאַרערגערט זיך. זיי באַזעצן זיך אין פּאַריז.

.7




.6



.8



.9



עוזר וואַרשאַסקי (1944–1898) שפּילט דאָס די עיקרדיקע ראָלע בײַם דערשײַנען פֿון צוויי ייִדישע אַוואַנגאַרדיסטישע צײַטשריפֿטן אין פּאַריז.ביידע זענען אילוסטרירט פֿון מאַרק שאַגאַל, וואָס קומט אויך אין פּאַריז נאָך אַ קורצער צײַט אין בערלין. די ערשטע, דעם 2טן נומער כאַליאַסטרע (1924), גיט וואַרשאַווסקי אַרויס צוזאַמען מיטן אין אוקראַיִנע געבוירענעם עקספּרעסיאָניסטישן שרײַבער פּרץ מאַרקיש (1952-1895), וואָס פֿאָרט דעמאָלט אַרום צווישן וואַרשע, בערלין און פּאַריז, איידער ער קערט זיך צוריק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין 1926. דער אינהאַלט און די גראַפֿיק פֿון דער צײַטשריפֿט, וועמענס מיטאַרבעטער זענען אין אַ כּסדרדיקער באַוועגונג (דער ערשטער נומער איז אַרויס אין וואַרשע), שפּיגלען אָפּ דעם קאָסמאָפּאָליטישן כאַראַקטער פֿונעם ייִדישן אַוואַנגאַרד. די ליטעראַרישע רעווי, אַרויסגעגעבן דורך וואַרשאַווסקין צוויי יאָר שפּעטער, ווײַזט שוין אַרויס סימנים פֿונעם בהדרגהדיקן אונטערגאַנג פֿון דער אַוואַנגאַרדיסטישער שטרעמונג.

1. מיטאַרבעטער פֿונעם אַלבאַטראָס (בערלין, 1923). פֿון לינקס צו רעכטס : יששׂכר־בער ריבאַק, לויִס לאָזאָוויק, אורי־צבֿי גרינבערג, עוזר וואַרשאַווסקי.
2. כאַליאַסטרע־גרופּע אין פּוילן (אַרום 1922), מיט פּרץ מאַרקיש (דער 3טער פֿון רעכטס).
3. פֿון לינקס צו רעכטס : עוזר וואַרשאַווסקי, פּרץ מאַרקיש, ה. לייוויק, אַ ניט־אידענטיפֿיצירטער מאַן (פּאַריז, 1925).
4. נומ׳ 1 פֿון מילגרוים (בערלין, 1922).
5. נומ׳ 1 פֿון רימון (בערלין, 1922).
6. אורי־צבֿי גרינבערג (פּאָרטרעט : הענריק בערלעווי).
7. נומ׳ 3–4 פֿון אַלבאַטראָס (בערלין, 1923).
8. אַ זײַט פֿון ליטעראַרישע רעווי (פּאַריז, 1926 ; בילד : מאַרק שאַגאַל).
9. דער גאַלאַגאַנער האָן פֿון פּרץ מאַרקיש (בערלין, 1922 ; הילע : יוסף טשײַקאָוו).
10. נומ׳ 2 פֿון כאַליאַסטרע (פּאַריז, 1922).